# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**4:11**
מוצאי שב"ק.....................**5:42**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........................עזרא א'-ב'
בבלי.............בבא בתרא קנ"ח
ירושלמי.................תענית י"א
תוספתא..................ברכות ה'
רמב"ם...............טומאת מת ח'

פרשת תולדות, ערב ראש חודש, מברכים חודש כסליו, כ"ט חשון, שנת תשפ"ה לפ"ק

שנה 14, גליון 9 (677)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק הוֹיבְּט אָן אַז יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, אוּן עֶנְדִיגְט צוּ אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם יִצְחָק?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ג), אַז וֶוער ס'הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, עֶס גֵייט אִים אֵייבִּיג גוּט, סַיי וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְּן פִירְט זִיךְ בְּלַייבְּט עֶר אַלְץ נָאר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אוֹיבּ גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן וִוי עֶר וִויל, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אִיז אִים אוֹיךְ גוּט, וַוייל עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן וֶועט אִים הֶעלְפְן, וַוייל אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַלֶעס נָאר פַאר זַיין טוֹבָה; אֵיינֶער וָואס הָאט אָבֶער נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, עֶר אִיז אַלְץ טְרוֹיעֶרִיג אוּן נִישְׁט צוּפְרִידְן, וַוייל וִוי נָאר עֶס קוּמְט אִים אַמָאל אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, פַארְלִירְט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְצְן אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיּוּת אוּן גוּטְס אִין זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶער מִיט אֱמוּנָה אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט אוּן לִיכְטִיג פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעמָאל.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד דֶער עִיקָר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף זַיין אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ'אִיז זִיכֶער פַאר זַיין טוֹבָה; מְ'דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען שִׂמְחַת הַחַיִּים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן סְ'וֶועט אִים אַלְץ זַיין גוּט אוּן פַיין.

דֶערְפַאר פְרֵייעֶן מִיר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרִי, בְּהַעֲלוֹתְךָ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר י', י') **וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם - אֵלּוּ שַׁבָּתוֹת**. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ז) אַז מְ'דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל שַׁבָּת אִיז דָאךְ דֶער שׁוֹרֶשׁ פוּן אֱמוּנָה, מִיט דֶעם וָואס מִיר הִיטְן שַׁבָּת וַוייזְן מִיר דָאךְ אַז מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִין זֶעקְס טֶעג אוּן עֶר הָאט גֶערוּעֶט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; אוּן וִוי נָאר סְ'אִיז דָא אֱמוּנָה, אִיז שׁוֹין אוֹיטָאמַאטִישׁ דָא שִׂמְחָה.

דִי בֵּיידֶע זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיז עֶר אַלְץ פְרֵיילִיךְ; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט עֶס אוֹיךְ אוֹיף פַארְקֶערְט, וִוי מֶער אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ וַואקְסְט בַּיי אִים מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה.

אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"ד, ז') אַז אֵיידֶער אַבְרָהָם אִיז גֶעקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶוען דֶער "אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם", דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן הִימְל, אָבֶער וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר גֶעוָוארְן דֶער "אֱלֹקֵי הָאָרֶץ", אוֹיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט מֶען שׁוֹין גֶעוואוּסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יִצְחָק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כ"א, ו') **צְחֹק עָשָׂה לִי אֱלֹקִים, כָּל הַשֹּׁמֵעַ יִצְחַק לִי**. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק**, וָואס זֶענֶען דִי קִינְדֶער - דִי רֶעזוּלְטַאטְן - פוּן יִצְחָק, פוּן דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ? **בֶּן אַבְרָהָם**, אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ "בֶּן אֱמוּנָה", וַוייל דוּרְךְ שִׂמְחָה קוּמְט מֶען צוּ צוּ אַ רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה; אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ פַארְקֶערְט, **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, דִי אֱמוּנָה וָואס אַ אִיד הָאט, דָאס מַאכְט עֶר זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, דַאן וֶועט אוּנְז אַלְץ גֵיין גוּט, אוּן מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

(תּוֹךְ הנחל תּולדוֹת תשע"א)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### קֶענְסְט נִישְׁט אַלֵיין

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּ מוֹהַרָא"ש מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי גַאֲוָה וָואס זֵיי וִוילְן נִישְׁט גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, זֵיי טַעֲנָה'ן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהַרָא"ש אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, פַארְוָואס רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן אַ "בַּעַל גַאֲוָה" אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶר קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין?

מוֹהַרָא"ש הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אוּן דַארְף אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶער גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ אַ צַדִּיק, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן


<<<<<<


## א גוט ווארט

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לא, כה): "חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל הַמְיַחֲלִים לַה'", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, שְׁטַארְקְט אַייךְ אַלֶע וָואס 'הָאפְן' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲפִלּוּ אִם אֵינְכֶם זוֹכִים לְשׁוּם קְדֻשָּׁה וַעֲבוֹדָה חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ קֵיין שׁוּם קְדוּשָּׁה אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "רַק מְיַחֲלִים לְבַד", אֵיין זַאךְ הָאבְּן זֵיי, דָאס וִוילְן אוּן בֶּענְקֶען, "אַף עַל פִּי כֵן חִזְקוּ וְאִמְצוּ", מִיט דֶעם זָאלְן עֶנְק זִיךְ שְׁטַארְקְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מִיט דִי קְלֵיינֶע שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה זַיין אוּן נֶעמֶען כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס, וִוי לַאנְג מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גוּט אוּן וִוי וַוייט מֶען אִיז, וִוי פַארְגְרֶעבְּט מֶען אִיז, וָואס מֶען טְרַאכְט עֶקְלְדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן צֶעדְרֵייטֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ', מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְגֵיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה; זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה "חִזְקוּ וְאִמְצוּ", שְׁטַארְקְט אַייךְ, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ה)



דער מולד וועט זיין: מוצאי שבת קודש 49 מינוט און 15 חלקים נאך 4 | ראש חודש כסליו יהיה ביום הראשון ולמחרתו ביום השני

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דָאס קִינְד וָואס וֶוערְט שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר עֶלְף יֶערִיגֶער זוּן וָואס וֶוערְט שְׁנֶעל נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ' וְכוּ', דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער וֶוערְן פוּן אִים וַויי גֶעטוּן וְכוּ', דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז– אִים גֶעבְּן כָּבוֹד אוּן אִים מַאכְן פַארְנוּמֶען מִיט הֶעלְפְן, מַאכְן, טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט הֶעלְפְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט זִיךְ צוּ קְרִיגְן.

דִי קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן זִיךְ אִין אֵיין קְרִיגְן מִיט דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער– דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל גָאר קְלוּגֶע אוּן גֶעלוּנְגֶענֶע, דִי מֹחַ אַרְבֶּעט זֵיי שְׁנֶעל אוּן זֵיי מוּזְן הָאבְּן וָואס צוּ טוּן, אוּן אַז נִישְׁט– פַארְהַאנְקֶען זֵיי זִיךְ כְּסֵדֶר מִיט דִי אַרוּמִיגֶע.

מֵהַיּוֹם זָאלְט אִיר אִיבֶּערְלָאזְן זַאכְן וָואס אִיר אָדֶער אֵייעֶר מַאן קֶענֶען עֶרְלֶעדִיגְן, אוּן אִים דָאס גֶעבְּן צוּ עֶרְלֶעדִיגְן, וִוי אַיינְקוֹיפְן, טְרָאגְן צוּ מִשְׁפָּחָה, בְּרֶענְגֶען וְכוּ', אוֹיךְ זָאל מֶען אִים לוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען, דָאס וֶועט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען זַיינֶע טַאלַאנְטְן.

זִיכֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן דִי דְרֵיי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע מִצְווֹת וָואס מֶען הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶעגֶעבְּן פַאר פְרוֹיעֶן, בֵּיי דִי זְמַנִּים דַארְף מֶען בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער. וִויפִיל מֶען בֶּעט אִיז וֵוינִיג, בֵּיי דִי לֶעכְט זָאלְט אִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען יֶעדְן קִינְד מִיטְן נָאמֶען אוּן בֶּעטְן פַאר יֶעדְן קִינְד, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ זָאלְט אִיר שְׁטִילֶערְהֵייט שֶׁעפְּשֶׁען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן תְּפִילּוֹת פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ בֵּיי דִי אַנְדֶערֶע מִצְוָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**כא.** הַמְסַפֵּר בְּשִׁבְחוֹ שֶׁל מָקוֹם יוֹתֵר מִדַּאי, נֶעֱקַר מִן הָעוֹלָם. וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ צוּפִיל אִיבְּרִיגֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן [אִין דִי נוּסַח פוּן אַ בְּרָכָה], וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דֶער וֶועלְט.

**כב.** בֵּית הַכְּנֶסֶת שֶׁמְּחַשְּׁבִין בּוֹ חֶשְׁבּוֹנוֹת, לְסוֹף שֶׁיָּלִינוּ בּוֹ מֵת מִצְוָה. אַ שׁוּל וָואס מֶען רֶעכְנְט דָארְט חֶשְׁבּוֹנוֹת, וֶועט מֶען צוּם סוֹף דָארְט אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן אַ מֵת מִצְוָה.

**כג.** לְכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה צָרִיךְ הֲכָנָה וְהַזְמָנָה. אֵיידֶער מֶען טוּט סַיי וֶועלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ, דַארְף מֶען זִיךְ קוֹדֶם צוּגְרֵייטְן דֶערְצוּ.

<<<<<< מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶס וֶועט אָבֶּער אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט עֶר פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הִתְחַזְּקוּת אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (תְּהִלִּים קט, ד) "וַאֲנִי תְפִלָּה". דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן וִוי זַיין נַאטוּר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי כּוֹחוֹת זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן תְּפִלָּה.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת י.) אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט נְבִיאוֹת אַז עֶר זָאל לָאזְן צַוָּואָה וַוייל עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן פוּן דִי קְרֶענְק. חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן נָבִיא: "עֶנְדִיגְט צוּ דַיין נְבִיאוֹת אוּן גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא. אִיךְ הָאבּ מְקוּבָּל פוּן מַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְ'ן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן זַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ, הָאט דָאס אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ נְבוּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער כֹּחַ קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם אוּן עֶר קְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, אִיז דָאס זֵייעֶר נַארִישׁ, עֶר וֶועט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל אַז אַ סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן פַאר גֶעשֶׁעפְטְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, דֶער לַאנְד אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֶעמְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ. עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ פִירְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר אַ הֵיימִישְׁן מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס אִין יֶענֶע לַאנְד, אוּן יֶענֶער הוֹיבְּט אִים אָן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין יֶענֶע לַאנְד, עֶר וַוייזְט אִים צוּ וואוּ מֶען קֶען גֵיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וואוּ מֶען קֶען פִירְן גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זִיךְ אַיינְהַאנְדְלֶען פֵיינֶע סְחוֹרָה פַאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין הַאנְדְלֶען וַוייל דָארְט וֶועט מֶען וֶוערְן גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער סוֹחֵר דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן וַוייזְט אִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפָּארְט אִים אֵיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער סוֹחֵר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ יֶענֶעם, אוּן דַאן אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּרְכְפַאלְן אִין זַיין מִיסְחָר.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט דָא צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ דָא אַן עֵצָה? וָואס אִיז יָא גוּט צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טוּן? אוּן עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק וָואס גֶעבְּט אִים גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְקוּמֶען וואוּ עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶער טִיפֵּשׁ אוֹיבּ עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אַמָאל אַרַיינְגֶערוּפְן זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע, וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נַדְן. דֶער אֵייניִקְל הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט עֶס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אַ גֶעוִויסְן עוֹשֶׁר אִין וִויטֶעבְּסְק אַז יֶענֶער זָאל מַאכְן דֶערְמִיט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דֶער עוֹשֶׁר וֶועט אִים אַרָאפְּגֶעבְּן פְּרָאצֶענְטְן פוּן דִי פַארְדִינְסְטְן. דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי נֶעם צוּרִיק דָאס גֶעלְט אוּן לֵייג עֶס אַרַיין אִין דִי פּוּשְׁקֶע" אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אוֹיף דִי "רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס" פּוּשְׁקֶע וָואס אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ...

דֶער אֵייניִקְל הָאט גֶעקְלֶערְט אַז דֶער זֵיידֶע וִויל אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ פָאלְגְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנֶגֶען וַוייטֶער אוֹיף זַיין וֶועג.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי וַוייבּ פוּנֶעם צֶמַח צֶדֶק אִיז גֶעקוּמֶען פוּן וִויטֶעבְּסְק אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִיר מַאן אוּן פַארְ'ן זֵיידְן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן וִויטֶעבְּסְק הָאט אָנְגֶעזֶעצְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאנְקְרָאט, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

דַאן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אֲפִילוּ מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן מִיר נִישְׁט פָאלְגְן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בֵּיי מַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מֶעזְרִיטְשׁ, הָאבְּן מִיר אִים גֶעפְּרֶעגְט אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְפָארְן אִין וֶועג אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין פְרַאגֶעס, נָאר מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג".

און עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלָאזְן אִין וֶועג, און עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט וואו צוּ פָארְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלוֹת, נָאר זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד און זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי רַייזֶע צוּם אוּמְבַּאקַאנְטְן צִיל.

נָאכ'ן פָארְן אַ פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי פֶערְד גֶעדַארְפְט אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל און אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם אָרְטִיגְן קְרֶעטְשְׁמֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי פֶערְד זִיךְ אָפְּרוּעֶן, און זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנֶען זוּכְן אוֹיבּ עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַ אִיד אִינֶעם דָארְף. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט און גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס וואוֹינְט אֵיין אִיד אִינֶעם דָארְף און זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנֶען צוּ אִים.

דֶער אִיד הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ נָאךְ אִידְן אִין דָארְף אָדֶער אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט. דֶער אִיד זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט, דֶער נֶענְטְסְטֶער שׁוּל אִיז דְרַייסִיג פֶערְצִיג קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּנֶעם דָארְף. אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶר הָאט פֵיין פַּרְנָסָה אִינֶעם דָארְף און עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע יָארְן, ווִיל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק צִיעֶן פוּן דָארְט.

דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט תְּמִימוּת: "ווִי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז אַ אִיד זָאל וואוֹינֶען אַלֵיינְס אִין אַ דָארְף און עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין אַ גַאנְצֶע יָאר אָן קַיין שׁוּל, אָן קַיין קַדִּישׁ, קְדוּשָׁה, און בָּרְכוּ? אָן צוּ זֶען אַ אִיד פַאר דִי אוֹיגְן?"

זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן דֶעם אִיד און זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע צוּ זֶען אוֹיבּ דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד און זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער. וֶוען זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן זֶענֶען זֵיי נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אִיד'ס הוֹיז, און זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד לָאדֶענְט אַרוֹיף זַיין גַאנְצֶע הָאבּ און גוּטְס אוֹיף וֶועגֶענֶער און עֶר גְרֵייט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן פוּן דָארְף צוּ גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט צְווִישְׁן אִידְן...

דַאן הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען ווִי דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דֶעם אִיד הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

און דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט און גֶעזָאגְט צוּ זַיין אֵיינִיקְל: "קוּק ווִי מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט אוּנְזֶער רֶבִּי'ן אָן צוּ פְרֶעגְן קַיין שׁוּם שְׁאֵלוֹת, און אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה אַז מַיין אֵיינִיקְל זָאל מִיר פָאלְגְן"...

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף דֶעם לַאנְגְן און שְׁוֶוערְן וֶועג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס, וֶועט אִים זַיין וואוּיל און לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צַדִּיק)

## שְׁמוּעֶסְן און גֶעדַאנְקֶען

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ פְּרִיוַואטֶע "אִיבֶּער שְׁטִיבְּל", אַ שְׁטִיבְּל אִין בּוֹידֶעם וואוּ עֶר אִיז גֶעזֶעסְן און גֶעלֶערְנְט און גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעקֶענְט אַרוֹיסְקוּקְן פוּנֶעם פֶּענְסְטֶערְל פוּן דֶעם שְׁטִיבְּל, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ זֶען דָארְט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען דִי פוֹרְהַאנְגֶען אַלֶעמָאל גֶעוֶוען פַארְמַאכְט אוֹיף דִי פֶענְסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן, "אֵיין קוּק ווִינְצִיגֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז פָּארְט בֶּעסֶער".

(אִמְרֵי מוֹהֲרַא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן מ"ב)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וָואס טוּט מֶען אָן קֵיין פַּרְנָסָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין לֶעבְּן, פַאר דִי עֵצוֹת און לִימוּדִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אוֹיף טְרִיט און שְׁרִיט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, דְרֵיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק בָּרוּךְ ה', אַלֶעס אִיז מִיר גוּט אוֹיסֶער דִי פַּרְנָסָה.

אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין אַרְבֶּעט, אִיךְ מֵיין מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָאר מָאל גֶעמֵיינְט אַז אָט קוּמְט בָּרוּךְ ה' אַ גְרוֹיסֶע דְזְשַׁאבּ, מֶען בֶּעט מִיר אַן "עֶסְטִימֶעט", אַ פְּרַייז פַאר אַ דְזְשַׁאבּ, אָבֶּער אַ נֶעכְטִיגְן טָאג, דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם רוּפְן נָאכְדֶעם, און אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע פָאר אַנְטוֹישׁוּנְגֶען אִין דִי לֶעצְטֶע פָאר וָואכְן.

אִיךְ בִּין בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער וֶוען עֶס טוּט וֵויי שְׁרֵייט מֶען, וֶוען אִיךְ דַארְף גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר מַיין וַוייבּ און קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶערְמָאלְט פְלִי אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט אִים שֵׁיין, אִיךְ פְּרוּבִיר אִים צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס, אִיךְ וֵויין צוּ אִים אַז אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח און גְרִינְג, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט זִיךְ מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער דָאךְ זַיי מִיר מוֹחֵל און הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ טַאפּ אַ וַואנְט.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְן וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט גוּט, אָדֶער וָואס אִיךְ דַארְף אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ זֶעסְט זִיךְ אָן קֵיין פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ טוּן אֲפִילוּ אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת, און נִישְׁט וַוארְטְן דַוְקָא אוֹיף דִי פַּרְנָסָה אִין וָואס דוּ סְפֶּעצִיעֶלִיזִירְסְט זִיךְ, טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, צִי עֶס פַּאסְט יָא צִי עֶס פַּאסְט נִישְׁט, אַבִּי אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'בַּעַל בִּטָּחוֹן', אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט צִי עֶס פַּאסְט אִים יָא דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן צִי עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט, אִין אָנְהוֹיבּ אִיז גֶעוֶוען זַיין פַּרְנָסָה פַארְרֶעכְטְן כֵּלִים, און וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טְרָאגְן זַיינֶע כֵּלִים צוּ פַארְרֶעכְטְן בֵּיי אַ צְוֵוייטְן, נָאר אָדֶער פַארְרֶעכְט מֶען עֶס אַלֵיין אָדֶער וַוארְפְט מֶען עֶס אַוֶועק - הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן און עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ הָאלְץ הַאקֶער פַאר אֵיין טָאג, און נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט דָאס פַארְלוֹירְן - הָאט עֶר זִיךְ פַארְדִינְגֶען צוּ רֵיינִיגְן שְׁטַאלְן; דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּרַט וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען, אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ בְּכָבוֹד'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט יָארְן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע פַּרְנָסָה, זָאל פוּן אֵיין מִינוּט אוֹיפְן צְוֵוייטְן וֶוערְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֵיינִיגְט שְׁטַאלְן?! יָא,

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, אַז מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה, צִי עֶס פַּאסְט יָא צִי עֶס פַּאסְט נִישְׁט. אֵיין זַאךְ אִיז זִיכֶער, אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב אוּן עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ זַיין אַ גַנָב; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דֶער עִיקָר טְרַאכְטְן: 'וָואס טְרַאכְט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף מִיר, וְוִי אַזוֹי זֶע אִיךְ אוֹיס דָארְט?'

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אַרְבֶּעט אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט; דוּ הָאסְט אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן בֵּיי דִי חוּפָּה פַאר דַיין וַוייבּ אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזְן, וְאוֹקִיר וְאֶפְלַח לֵכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ', דַארְפְסְטוּ אַלֶעס טוּן צוּ שְׁפַּייזְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען צָאלְט נִישְׁט קֵיין רֶענְט וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין דַאךְ אִיבֶּערְן קָאפּ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען צָאלְן רֶענְט, רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן אוּן פַאר אַלֶעמֶען.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ גֵיין אוֹיף דִי הַייזֶער בֶּעטְן צְדָקָה, עַל פִּי הֲלָכָה (שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה מֶעג מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט, דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ וְכוּ' אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְסְט נִישְׁט זָאגְן בֵּיי דִי הַייזֶער אַז דוּ גֵייסְט פַאר דִיר אַלֵיין, קֶענְסְט זָאגְן אַז דוּ נֶעמְסְט צוּזַאם גֶעלְט פַאר אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת.

**אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קפד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער שְׁוֶוער פוּן רֶבִּי נָתָן, הַגָאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זַ"ל, הָאט גֶעדִינְט אַלְס רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע וֶועלְט-בַּאקַאנְטֶע שְׁטֶעט, אוּן אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.**

אִין אָנְהוֹיבּ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶועגְן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהֶערְט דָארְטְן וְוִי דִי חֲסִידִים רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מֶעכֶעלֶע זְלָאטְשׁוּבֶער זי"ע, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר פָארְן קֵיין זְלָאטְשׁוּב צוּ זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ, אוּן דָארְט אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הֵיילִיגֶע הִתְנַהֲגוּת, דָארְט הָאט עֶר אָבֶער גֶעהֶערְט וְוִי דִי אָרְטִיגֶע חֲסִידִים רֶעדְן קֶעגְן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶענְצְלִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חֲסִידוּת, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן זֵיי.

רֶבִּי דָוִד צְבִי זַ"ל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן אַלֶע חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס, אוֹיךְ זַיין וַוייבּ אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מִתְנַגְדִים קֶעגְן דֶעם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת, כָאטְשׁ וָואס אִיז עֶר גֶעוֶוען גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן פוּל מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים, הָאט עֶר אָבֶער גָאר שְׁטַארְק אָנְגֶענוּמֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס פוּן דִי בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת וָואס הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק מִיט זַיין הִתְנַגְדוּת.

סְפֶּעצִיֶעל וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטִיגְן אוּן אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס רָב אִין דִי דְרֵיי שְׁטֶעט מָאהִלוּב, שַׁארִיגְרַאד, אוּן קְרֶעמֶנִיץ, אִיז עֶר גֶעוָוארְן נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶער מִתְנַגֵד אוֹיף אַלֶע חֲסִידוּת'ן בִּכְלַל, אוּן אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּפְרַט, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וְוִי אַ גֶעלֶעכְטֶער אוּן אַ גֶעשְׁפֶּעט, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גֶעהַאט אַ בֵּייזְן בְּלִיק אוֹיף דֶעם אֵיידֶעם רֶבִּי נָתָן וָואס אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶער גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק בֵּיי זִיךְ, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, עֶר וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל שֵׁיידְן פוּן רֶבִּי'ן.

**תרכח**

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט מָאהִלוּב אוֹיף גַאנְץ יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. נָאךְ סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעוַוארְט מִיט זַיין וַוייבּ אַז זַיין שְׁוֶוער זָאל צוּרִיק אַהֵיימְקוּמֶען, עֶר אִיז אָבֶער נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין קְרֶעמֶנִיץ מִיט אַ דְבַר מִצְוָה וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעמַאכְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהֵיימְפָארְן קֵיין נֶעמִירוֹב, וַוייל זַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען אִיר טַאטֶע. אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז חֲנוּכָּה, אוּן דֶער שְׁוֶוער אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען.

רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען וְוִי אַיינְגֶעשְׁפַּארְט דִי גַאנְצֶע צַייט אִין שְׁטָאט מָאהִלוּב, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיסֶע צַעַר אוּן יִסוּרִים פוּן דֶעם, וַוייל אַלֶע יָארְן בִּיז אַהִין, פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פְלֶעגְט עֶר כְּסֵדֶר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן.

פוּן גְרוֹיס צַעַר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ בְּרִיוו צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִין דִי בְּרִיוו הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין בִּיטֶער הַארְץ פוּן דִי פִילֶע יִסוּרִים אוּן מְנִיעוֹת וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט עֶטְלִיכֶע בְּרִיוו וָואס הָאבְּן אִים מַמָשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען נִישְׁט דִי בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן פוּן דִי פִילֶע בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס זֶענֶען דֶעמָאלְט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

**תרכט**

אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, י"א כִּסְלֵיו, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דָאס אַכְטֶער קִינְד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַ אִינְגְל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אליעזר שטרויס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון וואלווי נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **דניאל אייזנער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **חיים מאיר ערפס** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל אייזיק פערל** הי"ו טבריה
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שמואל מרדכי יאקאבאוויטש** הי"ו יבנאל
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אשר ראנד** הי"ו קרית ברסלב
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

## ר' יוסי גרין: "ודע שלעתיד"

**א שמועס מיט ר' יוסי גרין איבער זיין נייעם ניגון "ודע שלעתיד", איבער דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, וואס האט אים געהאלפן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 4, 5, 111**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**